**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

יִפְקֹד ה׳ אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר
אִישׁ עַל הָעֵדָה.

בעזרת השי״ת ▪ מטות מסעי תש״פ ▪ גליון פה׳

# וואס וויל דער גוי פונעם איד?
## און ווי אזוי ווערט מען געראטעוועט?
## דער נקמה פון מדין און עמלק!

**אלה מסעי בני ישראל.** זאגט דער מדרש: משה רבינו האט געמאכט א ביאגראפיע ביכל, איבערגייענדיג יעדע פלאץ וואו כלל ישראל האט זיך פארזינדיגט און אלע פעלער וואו זיי האבן זוכה געווען צו זעהן ניסים גלויים... (עי׳ במעם לועז)

**גולה אחר גולה גלתה יהודה.** כלל ישראל זענען אדורך אלע סארטן צייטן מיום בריאת העולם, צייטן פון התרוממות שראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל הנביא בצאתי ממצרים און צייטן פון שפלות און בזיונות בצאתי מירושלים. די עצם בריאה אליין איז שוין אדורך שני אלפים תוהו, שני אלפים תורה און מיר האלטן שוין יעצט ביי דעם לעצטן שטאפל פונעם שני אלפים פון ימות המשיח, עס איז קוים געבליבן צוויי הונדערט און צוואנציג יאר ביז ששת אלפים.

ווען מיר וואלטן געמאכט א ביאגראפיע, א ביכל פונעם עולם הזה, ווי וואונדערליך וואלט זיך דער בילד אויסגעשפילט ווען מיר וואלטן געזעהן אז אלע זמנים ווען כלל ישראל איז געווען שטארק מיט זייער **אמונה און קדושה** און אפגעהיטן די תורה ומצות, האט דער גוי נישט געקענט האבן קיין שום שליטה אויף כלל ישראל. אבער, ווי נאר פריקת עול האט זיך ארייגעכאפט ביי כלל ישראל און מצליח געווען צו ברעכן די **אמונה און קדושה** פון דעם איד, זענען די צייטן געווארן גאר שווער פאר כלל ישראל.

אין די וואכנדיגע פרשה, לערנען מיר וועגן מלחמת מדין און אלע דעטאלן ארום. לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין, "פארוואס איז דער מלחמה געווען אנדערש און וויכטיגער פון סיי וועלכע מלחמה וואס די אידן האבן מלחמה געהאט אין די מדבר?"

יעצט ווען מיר ליינען די פרשיות פון מטות מסעי אין די זמן פון ימי בין המצרים, קענען מיר זיך אביסל מחזק זיין בזמננו האלה און ארויסנעמען א מוסר השכל פון די געוואלדיגע סיפור אין אט די פרשיות...

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים אַחַר תֵּאָסֵף אֶל עַמֶּיךָ.** (במדבר לא א-ב)

דער אייבערשטער זאגט פאר משה, "משה טייערע, איך האב א וויכטיגע מצוה פאר דיר איידער דו גייסט פון די וועלט. **נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים**, דו ווייסט דאך וויפיל די מדינים האבן שלעכטס געטוהן פאר די אידן, וואס מיט זייערע חכמה'לער און שפיצלער האבן זיי געמאכט זינדיגן א גרויסע חלק פון כלל ישראל. יעצט איז געקומען דער צייט נקמה צו נעמען אין זיי, איך וויל אז עס זאל זיין "**כלל ישראל'ס נקמה**", דו זאלסט זיך אננעמען פאר די כבוד פון די אידן!"

**וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל הָעָם לֵאמֹר הֵחָלְצוּ מֵאִתְּכֶם אֲנָשִׁים לַצָּבָא וְיִהְיוּ עַל מִדְיָן לָתֵת נִקְמַת ה׳ בְּמִדְיָן.** (במדבר לא ג)

משה רבינו, על אף וואס ער האט געוואוסט אז גלייך נאך די מצוה וועט ער אויסהויכן זיין נשמה, האלט ער זיך נישט צוריק קיין איין רגע. ער נעמט גלייך צוזאם א מיליטער פון ערליכע אידן, טויזענט מענטשן פון יעדע שבט (עי׳ פי׳ רש״י), און גייט מלחמה האלטן, **לָתֵת נִקְמַת ה׳ בְּמִדְיָן.** יעצט איז געקומען די צייט נקמה צו נעמען אין זיי און עס וועט זיין "**דעם אייבערשטען'ס נקמה**", מען גייט זיך אננעמען פארן אייבערשטער'ס כבוד!

### פאר וועמען נעמט מען זיך דא אן?
#### וועמען'ס נקמה איז דאס?

זאגט דער מדרש (במדבר רבה כב ב): ווען מיר וועלן מדייק זיין אין די פסוקים, וועלן מיר זעהן אז דער אייבערשטער זאגט פאר משה אז דאס איז "**כלל ישראל'ס נקמה**" און משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל אז דאס איז דעם "**אייבערשטען'ס נקמה**". וועמען'ס נקמה איז דאס באמת?

זאגט דער מדרש: דאס איז א געשפרעך צווישן דעם אייבערשטען און משה! דער אייבערשטער זאגט פאר משה, "**דאס איז נקמת בני ישראל**", מען גייט זיך יעצט אננעמען פאר די אלע אומגעפאלענע אידן וואס זענען אזוי טראגיש אוועקגעפאלן צוליב די מדינים...

אבער משה זאגט פארן אייבערשטען, "רבון העולמים, נישט

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אונזער כבוד איז דאס, דאס איז דיין כבוד! מיטן מלחמה האלטן מיט די מדינים, גייען מיר זיך אננעמען פאר דיין כבוד. והא ראיה, **אם היינו ערלים או עובדי עבודת כוכבים או כופרי מצות**, וואלטן מיר ח"ו געווען ווי איינער פון זיי, עובדי כוכבים, אדער לכל הפחות נישט קיין שומרי תורה ומצות, וואלטן זיי דען אונז אזוי פיינט געהאט?! **ואינן רודפין אחרינו אלא בשביל תורה ומצות שנתת לנו**, דער גוי האט אונז נאר פיינט צוליב די תורה ומצות וואס דו האסט אונז געגעבן!"

און משה זאגט ווייטער, "**רבוש"ע**, די תורה און מצות וואס מיר טוהן מקיים זיין, דאס מאכט אז מען זאל אונז פיינט האבן. על כן, ווען מיר נעמען נקמה אין די גוים פאר דעם וואס זיי האבן אונז געמאכט זינדיגן, נעמען מיר זיך אן פאר דיין כבוד. מיר טוהן זיי מודיע זיין מיט א קלארע מודעה אז מיר האסן און האבן פיינט צו זיין א חלק פון די גוים און אלע תחבולות וואס זיי וועלן נאר פרובירן אונז אפצורייסן פונעם הייליגן באשעפער וועט נישט העלפן און מיר וועלן ממשיך זיין צו היטן די תורה און מצות אין אלע אומשטענדן! **רבוש"ע, דאס איז דיין נקמה!**"

## און דאס האט געדארפט זיין דער כוונה פון די לוחמים...

זאגט דער אור החיים הקדוש (כעי"ז אבל בדרך אחרת): משה האט געזאגט פאר די אידן "**לָתֵת נִקְמַת ה' בְּמִדְיָן**", ארויסצוברענגען וואס זייער כוונה דארף זיין בעת זיי גייען מלחמה האלטן מיט מדין.

משה זאגט אן פאר כלל ישראל, "מאכט זיכער אז ווען איר גייט אין מלחמה, **שתהיה כוונת הנקמה "לקנאת ה'" אשר גרמו ביטול מצותיו ורצונו יתברך**[א]. דער איינציגסטער סיבה פון די יעצטיגער מלחמה איז בלויז צו נקמה נעמען פאר די פאקט אז די גויים האבן אונז געמאכט זינדיגן און מבטל געווען די תורה ומצות, און דורכדעם האבן זיי געוואלט אפרייסן די איד פונעם בורא כל עולמים. דאס דארף זיין אונזער וויי געשריי."

"אבער חלילה זאל מען נישט מכוון זיין אז מען גייט אין מלחמה צו נקמה נעמען אויף דעם וואס טויזענטער אידן זענען נעבעך אזוי טראגיש אומגעקומען."

"ווייל אויב ח"ו וועט דאס זיין אייער כוונה, זאלט איר וויסן אז **אין במעשה מצוה להסתייע באמצעותם להנקם מאויב**, די מצוה וועט אייך נישט געבן די סייעתא דשמיא וואס איר דארפט האבן ביים נקמה נעמען. **די מלחמה איז א מלחמת ה' און נישט בלויז ווי א פשוט'ע נקמה.**"

"דערפאר וועט דאס נישט זיין א פשוט'ע מלחמה, נאר דאס דארף צוגיין מיט א טיפע שנאה פון פארדעם. ווי די תורה זאגט אונז אין פרשת פנחס: **צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וְהִכִּיתֶם אוֹתָם** (כה יז) און רש"י איז מסביר: דאס איז א מצוות עשה וואס גייט אן שטענדיג כמו זכור שמור, לשון הוה, איר זאלט זיי פיינט האבן ביז איר וועט זיי פארטיליגן. **כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם...** ווייל זיי זענען אייערע פיינט מיט דעם וואס זיי האבן געזוכט אלע עצות ותחבולות ווי אזוי אייך צו מאכן זינדיגן."

## פארוואס דארף דאס זיין פונקט פאר משה'ס פטירה?

מיט דעם ביאור, פארשטייען מיר גוט די קומענדיגע מדרש ווי עס שטייט(שם כב ה): "**נקום נקמת**". זה שאמר הכתוב (איוב לו, ז): **לא יגרע מצדיק עיניו ואת מלכים לכסא**. די מדרש איז מסביר: **מהו לא יגרע מצדיק עיניו**, וואס נעמט מען נישט אוועק פון א צדיק? **אין הקב"ה מונע מן הצדיק מה שרוצה בעינו**, דער אייבערשטער נעמט נישט אוועק א זאך פון א צדיק וואס ער וויל אליין זעהן, **ללמדך**... אז משה האט זייער געגליסט צו זעהן דעם נקמת מדין איידער ער שטארבט און דער אייבערשטער האט אים דאס צוליב געטוהן.

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס איז דער מלחמה געווען אזוי וויכטיג פאר משה אז ער מוז אליין זעהן די נקמה אין מדין?

נאר וויבאלד דער גאנצע מלחמת מדין איז געווען א נקמת ה', **אשר גרמו ביטול מצותיו ורצונו יתברך**, במילא האט אונזער געטרייע פאסטיך משה געוואלט דערלעבן צו זעהן ווי מען מעקט אויס די מדינים און מען איז זיך נוקם אין זיי פארן פאקט אז זיי האבן געוואלט מאכן א ריס בין ישראל לאביהם שבשמים.

אויף דעם זאגט דוד המלך אין תהילים (תהלים נח, יא): **ישמח צדיק כי חזה נקם**, דער צדיק משה האט זיך געפריידט אז ער האט געזעהן דעם נקמת מדין.

ווי דער מלבי"ם שרייבט: **פרנסי ישראל**, ווען עס קומט זייער צייט צו גיין פון דער וועלט, ווילן זיי זוכה זיין צו זעהן די נקמה פון די עוקרי הדת נאך אויף די וועלט. **הגם שיודעים כי שם יראו עונש הרשע שהצר לעם ה'**, הגם זיי ווייסן גאנץ גוט אז במילא גייען זיי שוין זעהן אויף יענע וועלט ווי די אלע רשעים באקומען זייערע פארדינטע שווערע עונשים, דאך ווילן זיי דאס זעהן נאך אויף די וועלט, **כדי שכולם יראוהו ויצדיקו דין שמים**, אז אלע זאלן זעהן דעם "מי כה' אלקינו".

און דאס איז וואס דער אייבערשטער האט דא נאכגעגעבן פאר משה, **כי יראה נקמתו במדין בעודו בחיים**.

~

**וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל הָעָם לֵאמֹר. הֵחָלְצוּ מֵאִתְּכֶם אֲנָשִׁים לַצָּבָא וְיִהְיוּ עַל מִדְיָן לָתֵת נִקְמַת ה' בְּמִדְיָן.** (לא ג)

משה זוכט **אֲנָשִׁים לַצָּבָא**. זאגט רש"י: וואס מיינט דאס "**אנשים**"? וועלכע מענטשן זאל מען נעמען? **צדיקים**! ביי די מלחמה דארף מען האבן צדיקים. זאגט רש"י (שמות טז): אזוי ווי ביי די מלחמת עמלק שטייט "**בחר לנו אנשים**" און דאס מיינט צדיקים, אזוי אויך מיינט מען דא אנשים, צדיקים...

**לאמיר פארשטיין**, וואס איז די מלחמה אנדערש פון די אלע פריערדיגע מלחמות ווען מען האט נישט געדארפט דאס גאנצע אויסשטעלן? פארוואס דייקא דא דארף מען האבן טויזענט מענטשן, און דווקא צדיקים, פון יעדן שבט? און נאך מער, דארף מען דא א גרויסע צדיק בראש פונעם גאנצע מיליטער, הרה"צ ר' פנחס! ווי רש"י זאגט: מלמד שהיה פנחס שקול כנגד כולם.

און פונקט ווי ביי די מלחמה מיט עמלק האט מען געדארפט האבן ספעציעלע **סייעתא דשמיא**, ווי עס שטייט: **וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל יְהוֹשֻׁעַ**,

[א] ועיי"ש באוהח"ק המשך דבריו מש"כ, והגם שה' אמר אליו נקמת בני ישראל, לא אמר אליו שיאמר לישראל לשון זה אלא שדבריו היו עם משה נקום נקמת בני ישראל, ומשה נתחכם לעשות הדבר בדרך זה לקיים הנקמה של ישראל שנצטווה עליה במאמר נקום.

"**בְּחַר לָנוּ אֲנָשִׁים וְצֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק** (שמות יז ט). ווי רש"י זאגט דארט: "**בחר לנו אנשים**"- **גבורים ויראי חטא שתהא זכותן מסייעתן**, אזוי אויך האט מען געדארפט האבן ספעציעלע **סייעתא דשמיא** ביי די מלחמת מדין.

## פארוואס דארף מען אזא גרויסע סייעתא דשמיא דייקא ביי די מלחמות?

לויט ווי מיר האבן פריער אויסגעשמועסט, פארשטייט מען דאס זייער גוט. דייקא ביי די מלחמות האבן די שונאים נישט מלחמה געהאלטן מיט כלי זין, ווייל עס איז נישט געווען א מלחמה בגשמיות, נאר א רוחניות'דיגע מלחמה. די מלחמות זענען געווען אויסגערעכנט מכשיל צו זיין די אידן מיט אלע ג' עבירות ועי"ז כדי זיי אוועקצורייסן פונעם אייבערשטען.

ווי די גמרא פארציילט באריכות (סנהדרין קו): ביי די מלחמת מדין, בעצת בלעם הרשע, האבן די בנות מדין זיך באפריינדעט מיט די תמימות'דיגע אידן אין זייערע געצעלטן און מיט חכמה זיי אריינגעשפילט דורך אנטרינקן מיט גוטע וויין און דערנאך ארויסגענומען א געטשיק פון זייער בוזעם טאש און געזאגט פאר די אידן, "**עבוד לזה!**" אפי' ווען די אידן האבן זיך געטענה'ט און געזאגט, "איך קען נישט! איך בין א איד!" האבן זיי נישט צירוה געלאזט ביז זיי האט געלייקענט אינעם גאנצן תורת משה רח"ל...

**כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם עַל דְּבַר פְּעוֹר וְעַל דְּבַר כָּזְבִּי...** (במדבר כה, יח)

די בנות מדין האבן געמאכט די אידן זינדיגן און אזוי פוגם זיין אין **אמונה וקדושה**, צוויי יסודות מיט וואס כלל ישראל האלט זיך. די צוויי רשעים, בלעם און בלק, האבן געוואוסט אז דייקא די צוויי יסודות זענען דאס וואס האלטן די אידן מקושר צום בורכ"ע און כל זמן וואס דער איד האלט איין איינס פון דער צוויי, וועט ער זיך אייביג צוריק כאפן און תשובה טוהן.

ווי דער נתיבות שלום שרייבט (מטות): א איד וואס האט אמונה, אפי' ער איז ל"ע נכשל געווארן אין קדושה, וועט ער זיך שנעל צוריק כאפן, זיך מחזק זיין און פארעכטן זיינע מעשים דורך זיין כח האמונה. אזוי אויך, ווילאנג א איד פירט זיך אויף ערליך בקדושה ובטהרה, אפי' ח"ו זיין אמונה ווערט אביסל פארטונקלט, וועט ער זיך אינגיכן צוריק כאפן און זיין אמונה וועט אים צוריק אויפשיינען דורך זיין כח הקדושה. דערפאר, האבן די צוויי רשעים געזוכט פוגם צו זיין דייקא אין די צוויי יסודות און אזוי אפרייסן און געווינען דעם כלל ישראל.

## דער שייכות פון נקמת מדין צו מלחמת עמלק!!

פונקט דער זעלבע זאך איז געווען ביי די מלחמת עמלק. די עמלקים זענען נישט געקומען ווי געווענדליך, בדרכי ובנמוסי המלחמה, נאר ווי שלענג אויפן וועג האבן זיי געביסן און אריינגעביסן אין די עיקרי הדת, פוגם געווען טאקע אין די צוויי הייליגע יסודות, **אונזער אמונה און אונזער קדושה**, מיטן זעלבן כוונה אוועקצונעמען די צוויי שטארקע יסודות פון כלל ישראל.

**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק... אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ...** (דברים כה יז-יח). זאגט רש"י: "**אשר קרך בדרך**"- לשון קרי וטומאה, "**ויזנב בך**"- מכת זנב חותך מילות וזורק כלפי מעלה...

און דאס איז דער מצוה עשה פון פיינט האבן די עמלקים. ווי דער רמב"ם שרייבט אין יד החזקה (פ"ה ממלכים ה"ה): **ומצות עשה לזכור תמיד מעשיו הרעים ואריבתו**, זייער שלעכטע מעשים און זייער לאקעריי.

ביידע מלחמות, מלחמת עמלק, וואס איז געווען ביים אנהייב פונעם מדבר און מלחמת מדין, וואס איז געווען ביים סוף פונעם מדבר, זענען ענליך אין די שנאה, ווייל ביידע האבן געוואלט מטמא זיין און מחליש זיין כלל ישראל.

דערפאר, האט משה אנגערופן ביידע מלחמות מיט די נאמען "**נקמת ה'**". ווי מיר האבן פריער געשריבן: ביי מדין, "**נקמת ה'**" (במדבר לא, ג) און ביי עמלק, "**מלחמה לה' בעמלק**" (שמות יז, טז).

דערפאר, דייקא ביי די ביידע מלחמות האט מען געדארפט צדיקי אמת, מיט אזעלכע גרויסע שרי הצבא ווי פנחס און יהושע[ב], ווייל נאר זיי האבן געהאט די כח און די סייתא דשמיא מחליש צו זיין דעם כח הטומאה, דורך מחזק זיין די אידן אין קדושה און צוריק אויפהייבן זייער אמונה.

**ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים...** כאטש די מדינים זענען געווען א גרויסע פאלק און געוואוינט אין גרויסע שטארקע שטעט, זענען נאר צוועלף טויזענט אידן געגאנגען מלחמה האלטן, ווייל פאר אזא שווערע מלחמת היצר קען מען נאר שיקן די קליינע צאל צדיקים וואס כלל ישראל האט פארמאגט. וואלטן די פשוט'ע מענטשן מיטגעגאנגען אין מלחמה, וואלטן זיי געקענט חלילה נכשל ווערן פון די מדינים. (רמב"ן שם עה"פ וישלח אותם משה)

און פונקט ווי ביי עמלק איז געווען דער חיוב אויסצומעקן אלע זכרים ונקבות, אזוי אויך איז געווען דער חיוב ביי מלחמת מדין אויסצומעקן אלע נפשות, ווי דער רמב"ן איז מסביר (שם): באמת האט דאס משה געמיינט ביידע, די זכרים און די נקבות, ווען ער האט געזאגט די באפעל פון "**לתת נקמת ה' במדין**", נאר די אידן האבן דאס נישט פארשטאנען און גע'הרג'ט נאר די מענער. דערפאר האט זיך משה געבייזערט אויף זיי, ווי עס שטייט שפעטער אין פסוק: **ויקצף משה על פקודי החיל** (יד') **... ויאמר אליהם משה, "החייתם כל נקבה?"**

~

לאמיר מאכן א ס"ה:

## וואס וויל דער גוי פונעם איד?

### און ווי אזוי ווערט מען געראטעוועט?

אין יעדע דור און אין יעדע תקופה, איז אונזער אמונה און תורה ומצות געווען א דארן און א ווייטאג פאר אלע שונאי ישראלים. און בכל דור ודור, האבן די גויים געזוכט צו שטערן אונזער אמונה און אונזער הייליגקייט.

[ב] פנחס ביי מדין, יהושע ביי עמלק.

אנגעהויבן מיט המן, וואס האט דאס קלאר ארויסגעזאגט פאר אחשורוש, "**יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים בְּכֹל מְדִינוֹת מַלְכוּתֶךָ וְדָתֵיהֶם שֹׁנוֹת מִכָּל עָם**, עס איז דא עפעס א קליין פאלק, צוזייט און צושפרייט אין יעדע מדינה, וואס האבן זיך זייער אייגענע תורה ומצות און קימערן זיך נישט מיט קיינעם..."

און דאס איז ממשיך דורך אלע שונאי ישראלים שבכל דור ודור, אין אלע ד' גליות'ן, יעדער מיט זייער מהלך און אויסטרעף ווי אזוי צו צוברעכן דאס אידיש פאלק, איינער באהאלטן און איינער בגלוי, איינער מיט ממיר זיין דאס גאנצע פאלק און איינער נאר מיט עטליכע חוקים... יעדע גירוש, יעדע פאגראם, יעדע סארט שנאה, איז נאר צוליב דאס וואס מיר זענען שומרי תורה ומצות...

## פון וואו נעמט מען דעם חיזוק?

**אלה מסעי בני ישראל** (לג א). זאגט דער מעם לועז: **בשעה שהתקרבו עכשו לכנס לארץ ישראל**, אין די פערציגסטער יאר פונעם מדבר, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה, "צייל אפ אלע מסעות און אלע פלעצער וואו די אידן האבן גערוהט, מאז שיצאו ממצרים ביזן היינטיגן טאג איידער זיי גייען אריין אין ארץ ישראל. איך וויל אז דו זאלסט דאס אראפשרייבן אין די תורה, **כדי שיזכרו המקומות שבהם הכעיסו לפני השי"ת והמקומת שבהם עשה להם נסים ויתנו שבח והודיה להשם יתברך על כל זה...**"

משה רבינו, בשנת הארבעים, האט געמאכט א ביאגראפיע ביכל, איבערגייענדיג אלע פלעצער וואו כלל ישראל האט זיך פארזינדיגט און איבעראל וואו זיי האבן זוכה געווען צו זעהן ניסים גלויים...

**וועלכע ס"ה איז ארויסגעקומען?**

די אלע זמנים ווען כלל ישראל איז געווען שטארק מיט זייער אמונה און מיט זייער תורה ומצות, האט דער גוי נישט געקענט האבן קיין שום שליטה אויף כלל ישראל. אבער ווי נאר דער גוי האט זיך אריינגעכאפט ביי כלל ישראל און מצליח געווען צו ברעכן דעם איד פון זיין תורה ומצוות, זענען די צייטן געווארן זייער שווער פארן כלל ישראל...

**ד"ה: נישט די שווערע צייטן מאכן שוואך דעם כלל ישראל, נאר ווען כלל ישראל ווערט חלילה שוואך, ווערט די שווערע צייטן. ווי מער מיר האלטן אן אונזער אמונה און אונזער קדושה, קען קיינער אויף אונז קיין שליטה נישט האבן.**

**אלה מסעי בני ישראל**: די ר"ת פון די ווערטער "<u>א</u>לה <u>מ</u>סעי <u>ב</u>ני <u>י</u>שראל" איז מרומז אויף אלע ד' גליות: **א**דום, **מ**די, **ב**בל און **י**ון.

להורות לנו, אז דאס זעלבע זאך שפילט זיך אפ כסדר מיט כלל ישראל אין אלע דורות. ווען נישט אונזערע עבירות, ווען נישט אז מיר זאלן ווערן נשפע פונעם גוי גויים, וואלטן די אלע גליות'ן נבלע געווארן אין גלות מצרים. אבער וויבאלד מיר ווערן כסדר נאכגעשלעפט נאך זיי, סבלנו וסובלים בגליות אלו. (מעם לועז מסעי בשם ילקוט ראובני בשם עשרה מאמרות)

נישט דורך געפעלן דעם גוי וועלן מיר ווערן אפגעהיטן פון זיי, ווייל דעם גוי וועלן מיר סייווי נישט געפעלן! נאר דורך געפעלן דעם אייבערשטער, וועט ער אונז אפגעהיטן פון זיי! אדרבא, ווען מיר קוקן צוריק אין די היסטוריה, וועט מען זעהן אז וואו די אידן זענען געווען איינגעגלידערט מער און מער כאחד הגוים, דוקא דארטן האט זיך דער חורבן אנגעפאנגן... רח"ל.

## מעשה רב...

דער גאון, ר' מרדכי באנעט איז אמאל געפרעגט געווארן דורך דעם עסטרייכישן קייסער פראנז יוזשעף, "וואס איז פשט אז עס שטייט אין אייער תלמיד **הרואה קדירה בחלום- סימן לשלום** (ברכות נו)? וואס האט א טאפ מיט שלום?"

האט דער גאון ר' מרדכי געענטפערט, "קוק און זעה, פייער און וואסער זענען צוויי הפכים וואס קריגן זיך איינער מיטן צווייטן און אויף קיין שום פאל וועלן זיי נישט שלום מאכן. עם כל זה, איז יא דא איין וועג ווי אזוי מען קען מאכן שלום צווישן זיי!"

"ווען מען נעמט א טאפ אנגעפילט מיט וואסער און מען לייגט עס אויפן פייער, טוט דער פייער ווייטער ברענען מיט א שטארקייט און די וואסער וועט איר נישט אויסלעשן. פארוואס? ווייל דער טאפ מאכט שלום צווישן זיי, דאס איז דער קשר פון א טאפ צו שלום." (חד וחלק)

ואולי לענינו, קענען מיר זאגן דאס זעלבע אויף אונזער הייליגן כלל ישראל. כלל ישראל איז א פייער און די אומות העולם זענען די וואסער. דאס פייער וויל ברענען, אבער די וואסער פרובירט כסדר צו פארלעשן דאס פייער און זיי קענען אויף קיין שום פאל מאכן שלום. אבער אויב מען לייגט א אייזענעם טאפ העכערן פייער, מיר נעמען זיך ארום מיט א מחיצה של ברזל, קען די פייער נישט ווערן געשעדיגט פון דעם וואסער.

**ד"ה, כל זמן וואס מיר וועלן האבן דעם מחיצה המובדלת, דעם אייזענעם מויער, וועט דאס פייערל זיך נישט פארלעשן, נאר אדרבא, גאר הייס מאכן דעם וואסער.**

**לאמיר טאקע זוכה זיין!**

# צידה לדרך

## פארוואס נאר מדין און נישט מואב?

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט די תורה נאר געהייסן מלחמה האלטן מיט מדין און נישט מיט **מואב**? זיי זענען דאךביידע געווען די זעלבע שותפים צו מאכן כלל ישראל זינדיגן?!

זאגט רש"י (פרשת מטות): **שהמואבים נכנסו לדבר מחמת יראה שהיו יראים מהם שיהיו שוללים אותם...**

דאס הייסט: לכתחילה איז מואב'ס כוונה נישט געווען צו מאכן זינדיגן כלל ישראל און זיי אפרייסן פונעם בורא כל עולמים. זי האט סך הכל מסכים געווען צו אירע שותפים, צוליב איר מורא און פחד פון די אידן.

**כִּי צֹרְרִים "הֵם" לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם** (במדבר כה יח). זאגט די פסוק: מדין איז באמת געווען דער קאפשטיק פון דעם.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

# מוסר השכל

**לאמיר נישט פארגעסן ווער מיר זענען און פון וואו מיר קומען...**

**וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם** (תהילים קו לה). כלל ישראל, זייענדיג אין גלות, אויסגעמישט צווישן די פארשידענע פרעמדע פעלקער, קענען חלילה נשפע ווערן פון די גויים. נישט וועלנדיג און נישט כאפנדיג, לערנט מען זיך אויס מושגים שונים, וואס מאכט אונזער אמונה און קדושה שוואכער און שוואכער.

פון איין זייט, האלטן מיר זיך טאקע פעסט און אפגעטיילט, מיט אונזערע אייגענע סביבה און קהלות. אבער פון די אנדערע זייט, קויפן מיר איין געוויסע הנהגות, כדי נישט צו זיין אנדערש פונעם גוי.

לאמיר געדענקן און חזר'ן: **נישט די שווערע צייטן מאכן שוואך דעם כלל ישראל, נאר ווען כלל ישראל ווערט חלילה שוואך, ווערט די שווערע צייטן.**

ווי פאסיג איז דער יעצטיגער זמן בין המצרים, קלאגנדיג אין די דריי וואכן, זיך צו דערמאנען **ווער מיר זענען און פון וואו מיר קומען...** מיר דארפן כסדר געדענקן וועלכע צייטן איז אונז געווען די שיינע צייטן, די דערהויבענע צייטן און וועלכע צייטן מיר זענען געווען אונטער דרוק און פיין.

---

## דער געבורטס-ארט פון א מענטש האט א שטארקע השפעה.

### עס ווענדט זיך נאר וואו דער געבורטס-ארט איז!!

**פערציג יאר אין די מדבר איז נאך אלץ בעסער ווי איין טאג אין מצרים!**

**כֹּה אָמַר ה', זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה** (ירמיהו ב ב). זאגט דער מצידות פשט: כביכול, דער אייבערשטער זאגט דא דעם שבח פון כלל ישראל אז זיי האבן געגלייבט אינעם אייבערשטער און אים נאכגעגאנגען אין א וויסטן מדבר.

פרעגט דער בריסקער רב, הגאון רבי יצחק זאב סולובייציק זצ"ל: וועלכע שבח איז דאס און וועלכע ישר כח קומט זיך פאר איינעם וואס קומט יעצט ארויס פון א פלאץ וואו ער מיט זיינע קינדער זענען געפייניגט געווארן מיט א געוואלדיגע אכזריות אויף אלע אופנים? אודאי לויפט ער, וואו מען וועט אים נאר טראגן וועט אים זיין גוט. זאל עס זיין אין מדבר, דער עיקר איז ארויס פון דא!!

זאגט דער בריסקער רב: פון דער פסוק קען מען זיך לערנען א געוואלדיגע לימוד לדורות, ווי אזוי דער מהלך החיים פון א מענטש ארבעט. "עס איז זייער שווער פאר א מענטש זיך אפצורייסן מארץ מולדתו, מארץ מגורי אביו, דארט וואו ער איז נתגדל געווארן."

עס קען טאקע זיין אז מצרים איז געווען זייער שווער פאר די אידן, אבער דאך איז געווען שווער פאר זיי ארויסצוגיין פון מצרים און זיך באזעצן אין די מדבר. זיי האבן זיך כסדר דערמאנט פון מצרים ווייל דאס איז דער טבע פון א מענטש, "זיך בענקן צו זיין היים-לאנד."

דאס האט בריסקער רב געזאגט טרויעריגערהייט, בשנת ת"ש, כדי ארויסצוברענגען זיין צער און ווייטאג און בענקעניש צו זיין היימשטאט בריסק, בעת ווען ער איז געווען אין ווילנא נאכן ווערן ארויסגעראטעוועט פון די שרעקליכע הריגות וואס איז פארגעקומען אין בריסק. (ספר חיים שיש בהם בשם הגדה של פסח מבית הלוי קובץ הוספו עמוד קצ"ד)

**תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵנוּ וְשָׂא נֵס לְקַבֵּץ גָּלֻיּוֹתֵינוּ וְקַבְּצֵנוּ יַחַד מְהֵרָה מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ לְאַרְצֵנוּ.**
**בָּרוּךְ אַתָּה ה', מְקַבֵּץ נִדְחֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל.**

לאמיר זיך געבן א פרעג, וואו איז אונזער אמת'ע היים? אין דעם גלות לאנד ווי מיר וואוינען און שפירן זיך באקוועם? אדער אין ירושלים עיה"ק בבנין ביהמק"ד?! ווי מער מיר וועלן זיך מקשר זיין צו אונזער אלטערהיים, אלץ מער וועלן מיר זיך בענקן צום אלטן היים. און ווי מער מיר וועלן זיך בענקן, אלץ מער וועלן מיר זיך האלטן אייגנארטיג און לויטער, **מיט א שטארקע אמונה און א זעלטענע קדושה.**

**איך בין א איד!** און איך האב נישט מיטן גוי! ער מיינט נישט מיין גוטס און ער וויל נישט מיין גוטס! איך בין פשוט יעצט א שכן מיט אים אויף א קליין ביסל צייט!

## דער געזאנג אין גלות!

### דער ליבשאפט פון כלל ישראל צום אייבערשטן ווערט קיינמאל נישט בטל!

**שיר השירים אשר לשלמה:** זאגן אונז חז"ל: דער געזאנג שיר השירים האט שלמה המלך געמאכט ווען ער האט געזעהן די צייט פון גלות.

ומשל למהד"ד: צו א קעניג וואס האט געג'גט זיין קעניגין. די שרים ארום האבן געטראכטעט אז דער קעניג וועט זיך שוין מער נישט צוריקקערן צו איר ווייל ער האט איר דערוויייטערט פון זיין הארץ.

איז אבער אויפגעשטאנען איין זוהן וואס די קעניגין האט געבוירן פארן זיך גט'ן און איז געגאנגען צו דער טאטע אויסשמעקן וואס דער מצב איז.

רעדנדיג מיטן טאטן, דער קעניג, האט ער פארשטאנען אז זיין הארץ איז נאך מיטן קעניגין און ער איז נאך יא אינטערעסירט אין איר.

אזוי אויך, איז ער געגאנגען רעדן צו זיין מאמען און פארשטאנען פון איר אז אויך איר הארץ איז גאנץ מיטן קעניג, זי וויל צוריק גיין צו אים.

איז דער זוהן געגאנגען און פארפאסט א געזאנג וואס ברענגט ארויס די הארץ פונעם קעניג צום קעניגן, ווי שטארק דער קעניג האט איר ליב און וויל צוריק. אזוי אויך, האט ער ארויסגעברענגט די הארץ פונעם קעניגן אויפן קעניג, דער אויף דעם און דער אויף דעם.

און בשעת'ן זינגן דעם געזאנג פארן קעניג און קעניגן, האט עס ביידע צוריק געברענגט צום נאנטשאפט פון אמאל.

טייטשט דער הייליגער אוה"ק (אין זיין פי' ראשון לציון אויף שה"ש): דאס איז וואס שלמה המלך האט געזאגט אין שיר השירים, א דאפעלטע געזאנג, ווייל עס איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי געזאנגען: איינס וואס דער אייבערשטער זאגט אויף כנסת ישראל, ווי שטארק ער האט זיי ליב און בענקט זיך נאך זיי און דער צווייטער געזאנג, דאס וואס כנסת ישראל זאגט אויף איר פריינד, דעם אייבערשטען, ווי ווייט זי בענקט זיך צוריק צום אמאליגן ליבשאפט.